# אחרון של פסח

## קטע[1]

עס שטייט (פ׳ ויחי — מ״ט י׳) עד כי יבא שילה, מלך המשיח שהמלוכה שלו (רש״י), „שילה״ בגימט׳ משה[2], „יבא שילה״ בגימט׳ משיח[3], ביידע משה און משיח איז דער גאַנצער ענין זייערער פון קומען אויף דער וועלט איז „גאולת ישראל״.

משה רבינו האָט אויסגעלייזט די אידן פון גלות מצרים, וואָס דאָס איז געווען דער גלות הראשון, און באַלד נאָך קריעת ים סוף האָט דער אויבערשטער ב״ה געגעבן די תורה דורך משה רבינו, און משיח גואל צדק, וועט אויסלייזן די אידן פון דעם גלות אחרון וואָס די גאולה וואָס וועט זיין בקרוב — אמן — דורך משיח׳ן וועט זיין אַ גאולה שלמה, וואָס נאָכדעם וועט משיח לערנען מיט אַלעמען תורה[4].

אה״ח 2931534

דער הפרש פון די ווערטער וואָס זיינען בגימט׳ „משיח״ ביז דעם וואָרט וואָס איז בגימט׳ „משה״ איז אין דעם וואָרט „יבא״.

שילה איז בגימט׳ משה, דאָס מיינט צו זאָגן אַז משה רבינו האָט געוואוסט אַז די עיקר פון אַלע גילויים וועלן זיין נאָר אַז אַלץ וועט נתברר ווערן, ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ[5], אַז מען וועט מברר ומזכך זיין דעם מדבר עמים און מען וועט גיין אין שילה ברינה.

יבא שילה איז בגימט׳ משיח, עס איז שוין ב״ה געקומען די צייט וואָס יבא שילה, אַז משיח גואל צדק זאָל קומען און כל ישראל מארבע כנפות הארץ, זאָלן גיין בשמחה ובטוב לבב אין שילה.

אין דעם „יבא״ איז פאַראַן אַ טיפער רמז וואָס דאָס איז די כלי צו ביאת 330
המשיח, „יבא״ איז בגימט׳ אח״ד, דאָס הייסט מיט דעם וואָס באַ אידן וועט זיין דער ענין האחדות בכלל און בפרט אַ התאחדות אין דעם ענין הדבור פון משיח׳ן, מען זאָלריידן וועגן משיח׳ן. וועט מען ברצון השי״ת ממשיך זיין די גאולה שלמה ע״י משיח גואל צדק בב״א[6].

בשעת משה רבינו איז געבאָרן געוואָרן, זיינען אידישע הערצער דער־פרייט געוואָרן, און צווישן אידן האָט מען זייער פיל בשמחה גערעדט וועגן

---

1) נעתקה ממכתב הרה״ח ר׳ יחזקאל פייגין* — מזכיר כ״ק אדמו״ר מהוריי״צ — לכו״כ מאנ״ש (ונדפס גם ב„חב״ד בולעטין״ של אגודת חסידי חב״ד בארה״ב וקאנאדא — תמוז תרצ״ט). ומעבר לדף כ׳ הר״י פייגין: די פאַרצייכענונג פון דעם רבינ׳ס רייד פון אחרון של פסח, האָט דער רבי אייגענהענדיק געשריבן, און מיר האָבן עס וועררטליך איבערגעשריבן. עס איז א גרויסער זכות צו מפרסם זיין ברבים די הייליגע רייד פון רבי׳ן שליט״א.

אוצר החכמה

2) זהר ח״א כה, ב. רנג, א. בעל הטורים עה״פ ויחי שם. לקוטי תורה ושער הפסוקים להאריז״ל ויחי שם. הובא ונתבאר בלקו״ש ח״א ע׳ 8 ואילך.

3) בעל הטורים שם. הובא ונתבאר בלקו״ש שם.

4) ראה רמב״ם הל׳ תשובה פ״ט ה״ב. לקו״ת צו יז, ב. שער האמונה פנ״ו ואילך. ספר המצות להצ״צ מצות מינוי מלך פ״ג. סה״מ תרח״ץ ע׳ ר ואילך. תרצ״ט ע׳ 207. ובכ״מ.

5) זכרי׳ יג, ב.

6) ראה גם שיחת יום שמח״ת בסעודה שנה זו סעיף יא (לעיל ע׳ 349) ובהנסמן שם. סה״מ אידיש ע׳ 11.

*) ראה אודותו לעיל ע׳ 259 הערה 1 בשוה״ג.

דעם אַז באַ עמרם'ן איז געבאָרן געוואָרן אַ זון, משה.

אַז מען האָט משה'ן צוגענומען לבית פרעה, זיינען אידן געווען שטאַרק פאַר־זאָרגט איבער דעם, וואָס באַ עמרם'ן קדוש ישראל, האָט מען צוגענומען זיין זון.

אַז משה איז אַנטלאָפן פון מצרים, האָבן די אידן ניט מסיח דעת געווען פון משה'ן, מען האָט אים שטענדיג דער־מאָנט און כסדר וועגן אים גערעדט, ביז השם יתברך האָט רחמנות געהאַט, און צוגעהערט זיך צו די אידישע רייד און געבעט, און עס איז נמשך געוואָרן די גאולת מצרים דורך משה רבינו.

אַזוי איז אויך אין דעם גלות האחרון בעדאַרפמען שטענדיג ריידן וועגן משיח'ן, און מען בעדאַרף לערנען חסי־דות, ניט־חסידים בעדאַרפן לערנען ספרי מוסר, בכדי מען זאָל מאַכן בעזה״י די אמת'ע הכנה אויף מקבל זיין דעם גרויסן אורח טוב משיח'ן מיט אַ ריכ־טיקן פאַרשטאַנד.

## ל״ג בעומר[1]

א. איך ווייס ניט ווי עס פירט זיך היינט אין ל״ג בעומר אָבער אַמאָל פלעגט מען זיך שטאַרק משמח זיין ל״ג בעומר[2] און מען פלעגט מאַכן הדלקות ניט בלויז אין מירון נאָר אויך אין ירו־שלים און אין חברון, אין יאָר נ״ג אָדער נ״ד[3] האָט דער טאַטע — אאמו״ר — אָפּגעקויפט די ערשטע הדלקה[4].

ב. אַמאָל איז דאָך בכלל געווען אין ארץ ישראל וויניג חפשים אָבער שפּע־טער זיינען נתרבה געוואָרן חפשים, האָבן די יראים אַ סאַך געליטן ווען זיי פלעגן גיין אויף דעם קבר פון רשב״י ל״ג בעומר, זיי פלעגן לאַכן און נאָך צום סוף וואַרפן שטיינער. האָבן זיי געמוזט גיין חבורות חבורות, און גאָר צום סוף גיין 331
פאַרברייינגען אויף דעם קבר פון רשב״י.

ג. איינער האָט דערציילט דעם טאַטן, אַז חפשים פאַרברייינגען אויף דעם קבר פון רשב״י און לייגן ניט קיין תפילין. האָט דער טאַטע געזאָגט, ווען היינט וואָלט געווען דער באַרדיטשו־בער רב וואָלט ער געמאַכט אַ גאַנצן היינג־לייכטער, מלבד זאת וואָס ער פלעגט מלמד זכות זיין אויף איינעם, פלעגט ער ביי יענעם פועל'ן אַז ער זאָל תשובה טאָן, ווייל ביי יעדן מענטשן איז פאַראַן טוב און לא טוב, און לימוד זכות הייסט אַז מען קוקט אויף דעם טוב נעמט מען אַראָפּ דעם העלם והסתר פון לא טוב, און ביים באַרדיטשובער רב פלעגט נאָך זיין אַ התגברות הטוב אויף דעם לא טוב, ד.ה. אַז דער טוב זאָל

1) עפ״י רשימת השומעים.

2) ע״ד ענין השמחה בל״ג בעומר — ראה שער הכוונות ענין ספירת העומר דרוש יב. פרי עץ חיים שער ספירת העומר פ״ז. משנת חסידים מסכת אייר וסיון פ״ו מ״ר־ז. וראה ד״ה להבין ענין הילולא דרשב״י במאמרי אדה״ז תקס״ד ע׳ קא ואילך (ועם הגהות — באוה״ת ענינים ע׳ ריח ואילך; ד״ה הנ״ל דשנת תש״ל). במאמרי אדמו״ר האמצעי ויקרא ח״ב ע׳ תרסו ואילך, ובסה״מ תרנ״ד ע׳ רסא ואילך. לקו״ש ח״ז ע׳ 343 בהערה. וש״נ.

3) הערת הרושם: אין זוכרים אם כ״ק אדמו״ר אמר תרנ״ג או תרנ״ד.

4) ראה גם אגרות־קודש אדמו״ר מהורש״ב ח״א ע׳ טו. ח״ג ע׳ יד.

ספר השיחות - תרצ״ו ת״ש <מהדורה חדשה> עמוד מס׳ 374 - הודפס ע״י אוצר החכמה